בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די
זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א,
שבת קודש, פרשיות פנחס און מטות-מסעי,
שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית
ברסלב - ליבערטי יע"

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# שבת קודש פרשת פנחס, מברכים חודש מנחם אב, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן, סימן פא.

דער ראש ישיבה שליט"א האט עס פארגעלערנט אינעווייניג און הערליך אויסגעטייטשט; זאגט דער הייליגער רבי: "בְּנֵי אָדָם הֵם מוּנָעִים גְּדוֹלִים מְאֹד", מענטשן זענען זייער א גרויסע שטער אין עבודת השם. "וְדַע, אִם הָיָה הָאָדָם לְבַדּוֹ וְלֹא הָיָה אֶצְלוֹ בְּנֵי אָדָם אֲחֵרִים לְמָנְעוֹ", זאלסט וויסן, אויב א מענטש וואלט געווען אליינס אן קיינעם וואס זאל אים שטערן, "אַף־עַל־פִּי שֶׁגַּם אָז הָיוּ בָּאִים עַל הָאָדָם כָּל הַבִּלְבּוּלִים וְכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת הַטּוֹרְדוֹת וְכָל הַמְּנִיעוֹת", אפילו ער וואלט געהאט אלע בלבולים און אלע שלעכטע מחשבות וואס שטערן דעם מענטש, און אלע אנדערע מניעות. "אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּוַדַּאי הָיָה מַטֶּה עַצְמוֹ לְדֶרֶךְ הַחַיִּים, כִּי סוֹף כָּל סוֹף הָיָה מַטֶּה תָּמִיד לְדֶרֶךְ הָאֱמֶת", פון דעסט וועגן וואלט ער זיך אוודאי גענייגט צום אמת'ן וועג צו דינען דעם אייבערשטן. "וַאֲפִלּוּ אִם הָיָה עוֹבֵר עֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּוַדַּאי הָיָה מִתְחָרֵט חֲרָטָה גְּדוֹלָה מְאֹד בְּכָל פַּעַם. וְסוֹף כָּל דָּבָר הָיָה נִשְׁאָר אֵצֶל הָאֱמֶת", און אפילו ער וואלט עובר געווען אויף אן עבירה חס ושלום, וואלט ער אבער יעדעס מאל חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון, און ביים סוף וואלט ער געבליבן ביים אמת און געדינט דעם אייבערשטן.

"אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם הַמְבַלְבְּלִים", אבער אויב מענטשן זענען די וואס שטערן, "דְּהַיְנוּ כְּשֶׁהָאָדָם מִתְחַבֵּר חַס וְשָׁלוֹם לְאֵיזֶה חֲכָמִים בְּדַעְתָּם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אֵיזֶה יְדִיעָה בַּחֲקִירָה וּפִילוֹסוֹפְיָא", דהיינו, אז דער מענטש באהעפט זיך מיט מענטשן וואס האלטן זיך אז זיי זענען קלוג ווייל זיי קענען אביסל חקירות און פילאזאפיע, "אוֹ לְכַת לֵצִים, וְהֵם הַחָכְמוֹת הַנְּהוּגִים עַכְשָׁו שֶׁעוֹשִׂים לֵיצָנוּת מִכַּמָּה דְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. כַּיָּדוּעַ הֵיטֵב

לְמִי שֶׁבָּקִי בְּחָכְמוֹת וְלֵיצָנוּת אֵלּוּ״, אדער אז דער מענטש באהעפט זיך צו א גרופע מענטשן וואס מאכן ליצנות, וואס דאס איז די חכמות וואס איז ליידער היינט איינגעפירט ביי מענטשן, מען מאכט ליצנות פון הייליגע זאכן, אזוי ווי עס איז באוואוסט פאר די וואס זענען באקאנט אין די חכמות און ליצנות, ״זֹאת הַמְּנִיעָה וְהַבִּלְבּוּל הוּא גָּרוּעַ מֵהַכֹּל״, דער שטער און בלבול איז ערגער פון אלעס. ״כִּי אֵלּוּ הַחָכְמוֹת הֵם מְבַלְבְּלִים וּמוֹנְעִים בְּיוֹתֵר״, ווייל די סארט חכמות צעמישט און שטערט זייער דעם מענטש, ״כִּי כָּל דְּרָכָיו נַעֲשִׂין לוֹ מִישׁוֹר חַס וְשָׁלוֹם״, און דורכדעם ווערן ביים מענטש אלע זיינע זאכן וואס ער טוט אנדערש ווי מען מעג - ווי גלייך מען מעג דאס יא טון.

״עַל־יְדֵי הַחָכְמוֹת, הֵן שֶׁל פִילוֹסוֹפְיָא שֶׁזֹּאת הַחָכְמָה מַזֶּקֶת בְּוַדַּאי מְאֹד מְאֹד (כַּמְבֹאָר לְעֵיל ה)״, סיי די חכמה פון פילאזאפיע - שאדט זייער שטארק, אזוי ווי עס איז שוין געווארן אויבן דערמאנט (אין סימן ה). ״וְכֵן הַחָכְמוֹת וְהַלֵּיצָנוּת הַנַּ״ל, שֶׁל אֲנָשִׁים הַנִּדְמִין כִּכְשֵׁרִים, הִיא מַזֶּקֶת גַּם־כֵּן מְאֹד מְאֹד״, און סיי די חכמה פון ליצנות פון מענטשן וואס קוקן אויס ערליך - דאס שאדט אויך זייער שטארק. ״כִּי בֶּאֱמֶת הַכֹּל אֶחָד, כִּי הַחָכְמוֹת וְהַלֵּיצָנוּת שֶׁלָּהֶם הִיא מַמָּשׁ כְּמוֹ הַכְּפִירוֹת שֶׁל הַפִילוֹסוֹפְיָא״, ווייל באמת איז אלעס איינס, די חכמה פון ליצנות איז ממש אזוי ווי כפירה פון פילאזאפיע. ״וּבֶאֱמֶת, גָּרוּעַ יוֹתֵר הַחָכְמוֹת וְהַלֵּיצָנוּת שֶׁלָּהֶם, מֵחָכְמַת הַפִילוֹסוֹפְיָא״, און באמת איז די חכמה פון ליצנות נאך פיל ערגער פון די חכמה פון פילאזאפיע. ״כִּי מֵחָכְמַת הַפִילוֹסוֹפְיָא הַכֹּל בּוֹרְחִים, כִּי רֹב יִשְׂרָאֵל הֵם בּוֹרְחִים מְאֹד מִפִילוֹסוֹפְיָא מֵחֲמַת שֶׁהֵם יוֹדְעִים שֶׁפִילוֹסוֹפְיָא מַזֶּקֶת מְאֹד וּמוֹרֶדֶת אֶת הָאָדָם לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְּלָן״, ווייל פון די חכמה פון פילאזאפיע אנטלויפט מען, רוב אידישע קינדער ווייסן דאס שעדליכקייט דערפון, אז דאס שאדט זייער שטארק און דאס טוט אראפנידערן דעם מענטש אין שאול תחתית רחמנא לצלן. ״אֲבָל

זֹאת הַלֵּיצָנוּת וְהַחָכְמוֹת הַנַּ"ל, אֵין הָאָדָם בּוֹרֵחַ מֵהֶם כָּל־כָּךְ", אבער פון די חכמה פון ליצנות אנטלויפט מען נישט אזוי שטארק, "מֵאַחַר שֶׁיּוֹצְאִין מִפִּי אֲנָשִׁים הַנִּרְאִין כַּהֲגוּנִים וּמַלְבִּישִׁין הַכֹּל בְּדַרְכֵי אֱמֶת כְּאִלּוּ הָאֱמֶת עִמָּהֶם", וויבאלד דאס ווערט געזאגט דורך מענטשן וואס קוקן אויס פון אינדרויסן ווי ערליכע מענטשן, און זיי הענגען אלעס אן אין די תורה, ווי גלייך דער אמת איז מיט זיי. "עַל־כֵּן אֵין הָאָדָם בּוֹרֵחַ מֵהֶם כָּל־כָּךְ", דערפאר אנטלויפט נישט דער מענטש אזוי שטארק פון זיי, "וְהֵם מַזִּיקִים וּמְבַלְבְּלִים וּמוֹנְעִים אֶת הָאָדָם מְאֹד מְאֹד מֵעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת", און דאס שעדיגט און צעמישט און שטערט זייער שטארק דעם מענטש פון צו דינען דעם אייבערשטן מיט אן אמת. "אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְלִהְיוֹת תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹקִים וְסָר מֵרַע בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל", וואויל איז דער מענטש וואס גייט אויפ'ן אמת'ן וועג בתמימות און האט מורא פונעם אייבערשטן אן קיין שום חכמות.

## זיך דרייען מיט לצים

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער רבי ווארנט דא זייער שטארק מען זאל זיך אפהיטן פון ליצים, דארף מען וויסן אז דאס מיינט מען נישט נאר ווען דער מענטש זאגט נאך זייערע רייד, נאר אפילו מען דריידט זיך נעבן זיי און מען הערט סתם אויס וואס זיי זאגן, שאדט דאס אויך זייער שטארק, ווייל אז מען דריידט זיך נעבן ליצים קען מען חס ושלום זייער שנעל ווערן אפגעקילט פון דינען דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער ספר החינוך זאגט (מצוה טז) אז דאס הארץ און די מחשבות פון א מענטש ווערן געטוישט לויט די זאכן וואס ער טוט, דערפאר אפילו אן ערליכער איד וואס לערנט תורה און היט אפ אלע מצוות אויב וועט ער אבער זיך דרייען מיט לצים און מיטלאכן מיט זייערע ליצנות וועט ער צום סוף נעבעך ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי.

## ליצנות איז א גרעסערע סכנה ווי פילאזאפיע און חקירות

עס איז נישט געווען נאך א צדיק וואס געערדט אזוי שארף קעגן חכמות און פילאזאפיע - ווי דער רבי, דער רבי האט געזאגט אפילו די ספרים וואס גדולי ישראל האבן מחבר געווען זאלן מיר אויך נישט לערנען, אבער פון דעסט וועגן זאגט דער רבי אז ליצנות איז נאך פיל ערגער פון דעם, דאס איז א גרעסערע סכנה פאר'ן מענטש ווי פילאזאפיע און חקירות, ווייל דאס קען זייער שנעל אוועק נעמען דעם מענטש פונעם אייבערשטן און פונעם צדיק, דער מענטש הערט נאר א קליינעם וויץ אויפ'ן צדיק און דער מענטש טראכט גלייך מחשבות ער אפלאזן דעם צדיק.

## ער ווייזט יעצט ווער ער איז

א מענטש דארף זייער אכטונג געבן נישט צו הערן ווערטער פון לצים וואס רעדן אנטקעגן צדיקים; ווייל דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן לח) אז די אלע וואס רעדן אויף צדיקים און ערליכע אידן זיי ווילן באמת רעדן אנטקעגן דעם אייבערשטן, נאר זיי שעמען זיך און האבן מורא אז מען וועט זיי אנשרייען ווען זיי רעדן אנטקעגן די אמונה, דערפאר פארדרייען זיי די ווערטער כאילו זיי רעדן אויף צדיקים. מיט דעם טייטשט דער רבי דעם פסוק (תהלים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם, וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ"; "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זיי ווילן באמת רעדן אויפ'ן אייבערשטן, אבער זיי האבן מורא, דעריבער: "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רעדן זיי אויף צדיקי אמת, אבער באמת איז "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם".

ווען א מענטש מאכט א וויץ ווייזט ער יעצט ווער ער איז, מען דארף נישט האבן קיין רוח הקודש געוואויר ווערן וואס דער מענטש איז, זיינע וויצן צייגן גלייך ווער ער איז; אויב מאכט ער וויצן וואס ענטהאלט

בלויז ווערטער וואס מאכן פריילין מענטשן - דאן ווייזט ער דערמיט אז ער פארמאגט יראת שמים, ווידעראום אויב מאכט ער וויצן וואס ענטהאלט ליצנות קעגן צדיקים רחמנא לצלן - דאן האט געוויזן ווער ער איז, אז ער פארמאגט נישט קיין ברעקל יראת שמים רחמנא לצלן.

[דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריידט צום מפיץ הגדול רבי נתן יאקאבאוויטש נרו יאיר און געזאגט: איך האב דיר שוין עטליכע מאל געפרעגט צי איך מעג איבערזאגן די ליצנות וואס ליצים מאכן, דער רבי האט דאך געזאגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן יא): "יִשְׁמֹר אָדָם אֶת פִּיו מִלּוֹמַר אֶעֱשֶׂה הָעֲבֵרָה הַזֹּאת אֲפִילוּ בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת, כִּי דִּבּוּרוֹ מַכְרִיחַ אוֹתוֹ לְמַעֲשֶׂה", א מענטש זאל נישט זאגן 'איך וועל טון די עבירה', אפילו ער מיינט עס בלויז אלס ליצנות, ווייל דאס ארויסזאגן וועט צוברענגען ער זאל עס חס ושלום טון, ווי הייליגע גמרא זאגט (סנהדרין קב.) וואס האט צוגעברענגט אז יֵהוּא וואס איז געווען א גרויסער צדיק זאל זינדיגן? ווייל ער האט ארויס געזאגט מיט זיין מויל פאר די נביאי הבעל (מלכים-ב, י, יח): "אַחְאָב עָבַד אֶת הַבַּעַל מְעָט יֵהוּא יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה", אחאב האט נאר געדינט עבודה זרה אביסל, איך וועל עס דינען אסאך, אפילו ער האט דאס נישט געמיינט מיט קיין אמת, ער האט דאס נאר געזאגט כדי ער זאל קענען אויס'הרג'ענען די נביאי הבעל, פון דעסט וועגן האט דאס אים צוגעברענגט אוועקצופאלן פונעם אייבערשטן און דינען עבודה זרה; אבער איך שפיר וויבאלד דער לץ שטעלט זיך אויף זאגן זיינע געמיינע ליצנות ברבים - מוז איך דאך אנגרייטן מיינע תלמידים, זיי זאלן זיין אנגעגרייט פון פאראויס נישט צו ווערן איבערגענומען פון דעם].

## א געפערליכע פארברעך!!

צום ביישפיל, עס איז דא א באקאנטער ווארט פון צדיקים, אז ווען עס קומט חודש אלול ציטערן אפילו די פיש אין וואסער", קומט א לץ, א בדחן, וואס פון אינדרויסן קוקט ער אויס ווי א חסיד'ישער איד, ער

גייט שבת מיט ווייסע זאקן, און מאכט ליצנות זאגענדיג: "ווען די פיש וואלט געהאט אזא ווארעמע דאכענע וואס איך האב – וואלט ער נישט געציטערט...", נאך א ביישפיל, עס איז באקאנט פון צדיקים אז דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו האט געפאסט משבת לשבת פאר איין און צוואנציג יאר; זיבן יאר פאר זיינע עבירות, זיבן יאר פאר זיינע קינדער און אייניקלעך און נאך זיבן יאר פאר אידישע קינדער עס זאל זיי גוט זיין, זאגט דער לץ און זאגט: ווען ער וואלט געהאט אזא פיינע קרעמיש קעיק (קוכן) ווי איך האב – וואלט ער זיכער אויסגעפאסט...", דאס איז א געפערליכע פארברעך, ער נעמט א ווארט פון א צדיק וקדוש, וואס דאס ברענגט אן התעוררות מען זאל תשובה טון, מען זאל זיך מאכן א חשבון הנפש וואו מען האלט אויף די וועלט, און ער מאכט ליצנות פון דעם! דו ווייסט בכלל וואס מיינט א צדיק?! דו האסט אן השגה אין א צדיק?! ער האט גארנישט געזאגט, ער האט עס נישט אוועקגעמאכט, אבער דורך זיין ליצנות קילט ער אפ אידישע קינדער פונעם אייבערשטן און פון צדיקים! אויף אזא בדחן ווייסט מען גלייך אז ער איז נישט בסדר, און מען דארף זיך זייער היטן פון אים. און אויף דעם בדחן ווייסט מען גלייך ער וואלט ווען גערעדט אויפ'ן אייבערשטן אליינס השם ישמרינו נאר דאס האט ער מורא צו טון דערפאר רעדט ער אויף צדיקים!

אין אומאן האבן געוואוינט גרויסע אפיקורסים און דער הייליגער רבי האט אסאך געשמועסט מיט זיי, האט מען אמאל געפרעגט דעם רבין פארוואס דער רבי רעדט אזויפיל מיט זיי? האט דער רבי געענטפערט: "וואס האב איך מיט ענק? עס רינט ארויס כפירות און אפיקורסת פון ענקערע ברייטע ערמל!" וואס הייסט אז עס רינט כפירות און אפיקורסת פון די ערמל? נאר אז א מענטש מאכט עפעס א ווערטל אויף א צדיק – איז דאס שוין כפירות און אפיקורסת רחמנא לצלן.

איך קען א בדחן וואס זיינע ווערטלעך גלייך איך צו הערן, עס איז ריין פון ליצנות, ווען איך טרעף איך זאג איך אים: "דו ביסט אן ערליכער איד, פון דיינע ווערטלעך האב איך הנאה, עס ענטהאלט נישט קיין ליצנות".

## איך בין א תם, איך האב ליב תמימות

דער הייליגער רבי האט חתונה געהאט ווען ער איז געווען א קינד פון דרייצן יאר, ער האט חתונה געהאט יונג, בקדושה ובטהרה; גלייך נאך זיין בר מצוה איז ער געווארן א חתן און אביסל שפעטער איז געווען די חתונה, די כלה איז געווען א גרויסע צדקת, זי האט געהייסן סאשיא, א טאכטער פון רבי אפרים פון שטאט זאסלאב.

וויבאלד דער רבי איז געקומען צו פארן צו א נייע שטאט אוסיאטין, האט דער רבי נישט געקענט די מענטשן פון דעם שטאט, ווער איז א גוטער חבר פאר אים, האט דער רבי געזוכט ווער איז ערליך און ווער נישט, דער רבי האט געשמועסט מיט עטליכע יונגע בחורים און אינגעלייט צו זען וואו זיין האלטן אויף דער וועלט, ער האט געשמועסט מיט עטליכע און געזען אז זיי זענען זייער ווייט פונעם אייבערשטן, זיי זענען בכלל נישט אינטערעסירט צו זיין וואויל און ערליך און זיי זענען גרויסע בעלי עבירה רחמנא לצלן, איין אינגערמאן, מיט'ן נאמען ר' שמעון איז געווען אן ערליכער, זיין הארץ האט געברענט צום אייבערשטן. און ווען דער רבי האט אנגעהויבן רעדן מיט אים האט ער אים קודם אויספרובירט מיט חכמה, אזוי ווי ער וויל מאכן א לעבן אויף דער וועלט, ער וויל טון זאכן וואס טויגן נישט, אבער ר' שמעון האט זיך נישט געלאזט, ער האט געענטפערט פאר'ן רבי'ן אז ער איז נישט אינטערעסירט אין די זאכן, ווען דער רבי האט אים געפרעגט: "ביסטו דען נישט קיין מענטש? פארוואס ווילסטו נישט האקן א לעבן אויף דער וועלט?" האט ר' שמעון געענטפערט: "איך בין א תם, איך האב ליב תמימות", דער רבי האט

אויפגעלאכטן און געזאגט: ״עס זעט אויס ווי מיר ווען זיין נאנטע חברים״.

דער רבי האט אים גערופן אין א זייט און אים אויסגעזאגט דעם אמת, אז ער האט אים געוואלט אויספרובירן זען אויב ער איז ערליך, ער האט אים דערציילט אז די אנדערע מענטשן זענען זייער ווייט פונעם אייבערשטן, זיי זענען פוגם און טוען עבירות רחמנא לצלן. און דער רבי האט מיט אים גערעדט ווי גוט עס איז צו דינען דעם אייבערשטן און ווי נאריש די וועלט איז, דער רבי האט אים געזאגט: ״איך האב דאך היינט חתונה, דארף איך זיכער אנהייבן דינען דעם אייבערשטן״; שמעון האט זיך גוט צוגעהערט צו זיין נייער חבר - דער הייליגער רבי, און ער איז געווארן א גרויסער צדיק, אן ערליכער איד. ר׳ שמעון האט אסאך באדינט דעם רבי׳ן און דער רבי האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים באדינען אויך אויף יענע וועלט (עיין פעולת הצדיק סימן סז-סח).

און דאס איז געווען וואס האט מער דאס מערסטע געכאפט ביי מוהרא״ש זכרונו לברכה - זיין ׳תמימות׳, דאס האב איך נישט געזען אין ערגעץ, ביי מוהרא״ש האב איך געזען די גרעסטע מאס תמימות וואס איז שייך, ווי ער האט לעבט מיט אזא פשטות און תמימות מיט׳ן אייבערשטן.

דאס דארף מען זוכן ווען מען זוכט א חבר, איינער וואס פארמאגט אין זיך תמימות, ער לעבט מיט צדיקים און מאכט קיינמאל נישט קיין ליצנות אויף זיי. אוודאי דארף מען האבן פריילייכע חברים, וואס זענען נישט מרה שחורה און בעצבות, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען זייער אכטונג אז זיי זאלן נישט זיין קיין ליצים חס ושלום.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

# שבת קודש פרשת מטות-מסעי, ראש חודש מנחם אב, שנת תשפ"א לפרט קטן אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק; סימנים תשפב, תשפג, תשפד, תשפה, תשפו, תשפז.

## סימן תשפב.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּ קוֹיפְן זַיין סֵפֶר, וַוייל אֲפִילוּ עֶס לִיגְט אִין שַׁאנְק אִיז עֶס אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל זַיין סֵפֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁמִירָה אָפְּצוּהִיטְן דָאס רַייכְטוּם אוּן גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שָׁאדְנְס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן אַ גֶעוִויסֶער עוֹשֶׁר אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיךְ פַאר אִים אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אַז מַיין סֵפֶר זָאל זַיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע שְׁמִירָה אוֹיף אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זַיין עֲשִׁירוּת". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָוארְנְט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים עֶר זָאל גֵיין צוּ יֶענֶעם עוֹשֶׁר מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל קוֹיפְן זַיין סֵפֶר.

## דעם רבי'נס ספרים זענען מסוגל

דער רבי האט געזאגט אז זיינע ספרים זענען מסוגל אפצוהיטן דעם מענטש מיט זיין פארמעגן עס זאל נישט געשעדיגט ווערן; פון דא איז דער מקור צו וואס מוהרא"ש שרייבט אין 'שאלות ותשובות ברסלב' ווען מען פרעגט אים וואס איז די עצה אויב מען האט פארבויעט א פענסטער אדער א טיר, וואס עס איז באקאנט פון ספרים אז דאס קען צוברענגען חס ושלום צו א סכנה, ענטפערט מוהרא"ש מען זאל אריינלייגן אין דעם הויז דעם רבי'נס ספרים און דאס וועט אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

אסאך אינגעלייט פרעגן מיר דא אין שטעטל, היות זיי ציען זיך

ארײַן אין דירות וואו עס האבן דארט געוואוינט גוים, וואס זיי זאלן טון, אפשר דארף מען זאגן 'חמשה חומשי תורה' וכדומה, זאג איך פאר אלע דאס זעלבע: "לייג ארײַן דעם רבי'נס ספרים אין שטוב, דאס וועט אוועקנעמען אלע שלעכטס וואס איז דארט דא, דאס וועט דיר אפהיטן פון אלעם בייזן".

דער רבי זאגט: "אפילו עס ליגט אין שאנק איז עס אויך א גרויסע טובה פאר'ן מענטש", פארוואס איז דאס א טובה ווען עס ליגט אין שאנק? ערשטנס, דאס ארבעט בדרך סגולה, מיר פארשטייען נישט ווי אזוי דאס ארבעט, אז דער צדיק זאגט א סגולה – איז זיכער אז עס העלפט, אבער מען קען דאס אויך מסביר זיין, ווייל אז עס ליגט אין שאנק וועסטו דאס ארויסנעמען פון שאנק און ארײַנקוקן דערין, וואס וועטו דארט זען שטיין? אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט! דאס פארטרייבט אלע מזיקים וואס ווילן שלעכטס טון דעם מענטש.

## ווער האט עס אונטערגעשטעלט?

ליידער רעדט מען אין די וועלט פון אלעס – אויסער פונעם אייבערשטן; מענטשן רעדן און מען טוט דורך מיט א ברען און א קאך פון אלעם, מען זאגט: "די וואקסין קעגן קאראנע האט איינער אונטערגעשטעלט צוליב... די טראגעדיע אין מירון און אין קארלין האט איינער אונטערגעשטעלט צוליב.... און דאס וואס האט יעצט פאסירט דער שרעקליכע פאסירונג אין פלארידע, א גרויסע בנין האט זיך צאמגעלייגט, און הונדערטער מענטשן זענען באגראבן געווארן אין איין רגע – האט איינער אוטערגעשטעלט צוליב..." די כח הדמיון ארבעט ביז'ן הימל, אלעס איז אונטערגעשטעלט פון דעם און יענעם, מענטשן שטייען און ציטערן עס קומט א קראך, מען הייבט שוין אן פילן ווי די וועלט גייט אונטער... מענטשן זאגן: אזוי האט אויסגעקוקט בעפאר די ערשטע וועלט מלחמה, די געלט האט פארלוירן איר ווערד וכו' ... –

דאס אלעס קומט איז דער כח פון דער יצר הרע וואס וויל פארדרייען די קאפ מען זאל רעדן פון אלעס אויסער פונעם אייבערשטן; עס איז אמת אז די אלע זאכן זענען געווארן אונטערגעשטעלט, אבער ווער האט עס אונטערגעשטעלט? דער אייבערשטער! דער אייבערשטער האט אלעס געמאכט כדי מיר זאלן זיך אויפוועקן און תשובה טון.

נעם די עצה פון רבי׳ן, די עצה פון התבודדות, רעד צום אייבערשטן – וועלן אוועקגיין אלע דמיונות, אלע קאפדרייענישן וואס די אלע האטליינס פארקויפן, כאילו איינער קען עפעס טון גוטס אדער שלעכטס אנדעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט״א האט זיך אנגערופן צו איינעם: דאס וואס דו האסט נאכנישט קיין דרייער בי דיר אין שטוב – מיין נישט אז דאס האט מיט׳ן בויער צוטון, דער איז שולדיג אדער יענער איז שולדיג, דאס האט נישט מיט קיינעם, דאס האט מיט׳ן אייבערשטן; אלעס ווערט אונטערגעשטעלט דרוכ׳ן אייבערשטן אליינס.

דערפאר האט דער רבי געזאגט אז זיינע ספרים ראטעוועט דעם מענטש און זיין פארמעגן פון אלעם שלעכטס, ווייל אז דו וועסט אריינקוקן דערין וואס וועסטו דארט זען שטיין? לאמיר אריינקוקן אין רבי׳נס ספרים, לאמיר אריינקוקן אין די ספרים פון מוהרא״ש זכרונו לברכה, וואס מוהרא״ש האט ארויסגענומען פון אלע דעם רבי׳נס ספרים; וואס שטייט אין ׳אשר בנחל׳? אז דער אייבערשטער פירט די וועלט! וואס דו דארפסט גיי צו אים! רעד צום אייבערשטן אויף דיין פשוט׳ע שפראך! אלעס וואס פאסירט איז נאר כדי אונז אויפצואוועקן פון שלאף, מיר זאלן לויפן צום אייבערשטן! די זעלבע זאך איז מיט ׳עצתו אמונה׳ וואס שטייט דארט? דאס וואס עס שטייט אין ׳אשר בנחל׳, נאר אין עצתו אמונה איז עס מער אראפגעברענגט פאר דעם היינטיגן דור, אריינצוברענגען דעם קלארן אמונה, מען זאל נישט ווערן פארלוירן פון

יעדע דמיון וואס יעדער נאר פארקויפט.

## סִימָן תשפג.

זַייט עֶס אִיז גֶעוָוארְן גֶעדְרוּקְט דַיין הֵיילִיג סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן מְעַיֵּן זַיין אִין דַיין סֵפֶר אוּן מֶען זָאל מְחַדֵשׁ זַיין דֶערִין חִידוּשִׁים. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דַיין סֵפֶר". נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מֹחַ דוּרְךְ דַיין סֵפֶר, וַוייל עֶס לִיגְט דֶערִין גָאר אַ טִיפֶע אוּן גְרוֹיסֶע שֵׂכֶל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט דָאס אַסַאךְ לֶערְנֶען קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס פְּנִימִיּוֹת וָואס לִיגְט אִין דֶעם סֵפֶר, וַוייל אִין דֶעם סֵפֶר אִיז דָא פְּנִימִיּוֹת וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אוֹיבְן אוֹיף. וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ".

## סִימָן תשפד.

[וַוייל אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן מַאֲמָרִים פוּן דַיין הֵיילִיג סֵפֶר זֶענֶען 'כְּלָלִים', ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט עֶס טְרֶעפְּט מֶען אַלְץ דֶערִין נֵייֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע, לִיכְטִיגֶע אוּן זִיסֶע טַעֲמִים. עֶס עֶנְטְהַאלְט טִיפֶע עִנְיָנִים סֵיי בְּדֶרֶךְ פְּשַׁט אוּן סֵיי בְּדֶרֶךְ סוֹד, יֶעדֶע תּוֹרָה עֶנְטְהַאלְט גָאר פָּארְכְטִיגֶע, וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, וָואס דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין. אוֹיךְ עֶנְטְהַאלְט יֶעדֶע מַאֲמָר כַּוָונָה פוּן מִצְוֹת, יֶעדֶע מַאֲמָר הָאט שַׁייְכוּת צוּ דִי כַּוָּנוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דִי כְּתָבִים 'עֵץ חַיִּים' אוּן 'פְּרִי עֵץ חַיִּים'; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער תּוֹרָה פוּן 'מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג) – עֶנְטְהַאלְט אִין זִיךְ דֶער סוֹד פוּן דִי מִצְוָה פוּן לוּלָב, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט דָארְט גָארְנִישְׁט דֶערְמַאנְט פוּן דִי מִצְוָה פוּן לוּלָב; אַזוֹי אוֹיךְ דֶער תּוֹרָה פוּן 'בְּקֶרֶב עָלַי מְרֵעִים' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו אוּן סִימָן קא) –

ענְטְהַאלְט אִין זִיךְ דִי סוֹד פוּן דִי כַּוָונָה פוּן קִידוּשׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע מַאֲמָרִים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן 'עֵץ חַיִים' אָבֶּער אַ פָּשׁוּטְ'ער פֵּירוּשׁ פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מַאכְן נָאר מֶען דַארְף זָאגְן תּוֹרָה וָואס דָאס זָאל זַיין דֶער פֵּירוּשׁ, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע תּוֹרוֹת וָואס הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן 'עֵץ חַיִים'. (אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְסַיֵים גֶעוֶועןְ דֶעם 'עֵץ חַיִים' הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע סֵפֶר אִיז מוּסָר!" דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "סֶע טֵייעֶר מוּסָר־סֵפֶר סֶע אִיז". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר. מֶען קֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין, וַוייל דִי גַאנְצֶע כַּוָונָה פוּנֶעם אַרִיזַ"ל אִיז צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק אַרַיין אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נַחֲלוֹת הַלָכָה ד', אוֹת ה'. אוּן דוּרְךְ דִי פָּארְכְטִיגֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי'נְס תּוֹרוֹת קֶענְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ וֶועג אַבִּיסְל צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועג פוּן קַבָּלָה פוּנֶעם זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן אַרִיזַ"ל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵיי וֶועגְן אוּן עֵצוֹת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן יֶעדֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן עֶפֶענְט אוֹיף פִילֶע טוֹיעֶרְן אִין הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי גַאנְצֶע וֶועג פוּן קַבָּלָה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים יֶעדְן טָאג, קוּק אַרַיין אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִילִין, הַלָכָה ה, אוֹת לח, עַיֵין שָׁם). אַזוֹי אוֹיךְ נָאךְ עֶטְלִיכֶע תּוֹרוֹת אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז דֶערִין דִי כַּוָונוֹת פוּן מִצְוֹת, בִּפְרַט דִי תּוֹרוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיינְס גֶעשְׁרִיבְּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף אַז מֶען קֶען מְדַקְדֵק זַיין אִין דֶעם לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מְדַקְדֵק אִין אַ פָּסוּק פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָא דֶערִין אַסַאךְ כַּוָונוֹת; צוּמָאל חַזֶר'ט עֶר אִיבֶּער אַ זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן עֶס קוּקְט אוֹיס אַז עֶס אִיז אִיבְּרִיג גֶעשְׁרִיבְּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען דָארְט מְדַקְדֵק זַיין וַוייל דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע כַּוָונָה דֶערְבֵּיי, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז דִי תּוֹרוֹת וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל

וַוייל זֵיי זֶענֶען כְּלָלִים].

סִימָן תשפה.

און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דִי וָואס הָאבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל און קוּקְן אַרַיין אִין זַיין סֵפֶר מֵיינֶען אַז דִי וֶועגְן פוּן קַבָּלָה פוּנֶעם אַרִיזַ"ל און אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי מְקֻבָּלִים זֶענֶען מְרוּמָז אִין זַיין סֵפֶר, זֵיי רֶעכֶענֶען דָאס אַלְס אַ מַעֲלָה אַז דֶער סֵפֶר קוּמְט אָן בִּיז אַהִין, אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס אִיז פַארְקֶערְט; עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיךְ דִי וֶועגְן פוּן קַבָּלָה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע זֶענֶען נִכְלָל אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער... (דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט זַיינֶע רֵייד). [מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר אַז עֶס גָאר הוֹיעֶךְ, עֶס גֵייט אַרוֹיף צוּ פְּלֶעצֶער וואוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאכְנִישְׁט דֶערְגְרַייכְט, און אֲפִילוּ דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ און דֶער אַרִיזַ"ל זֶענֶען אוֹיךְ נִכְלָל אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'].

## סִימָן תשפו.

דֶעמָאלְט וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אֵיינְמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶער רָב פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן מוּסָר): "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען מַיין סֵפֶר און גוּט מְעַיֵּין זַיין דֶערִין, בִּיז עֶס וֶועט דִיר בֵּייפַאלְן אַ קַשְׁיָא, דֶערְנָאךְ וֶועסְטוּ נָאכְאַמָאל מְעַיֵּין זַיין דֶערִין בִּיז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין און ווִיסְן דֶעם תֵּירוּץ?" וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער אִיז עֶר צוּרִיק אַהֵיים און גֶעעֶפֶענְט דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן צוּ מְעַיֵּין זַיין דֶערִין, און הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְעַיֵּין זַיין, און עֶס אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע קַשְׁיָא אִין דֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעלֶערְנְט דֶעם תּוֹרָה בִּיז עֶס אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן דֶעם תֵּירוּץ און עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם קַשְׁיָא. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען

צום רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און אִיבֶּער גֶעזָאגְט דֶעם קַשְׁיָא און דֶעם תֵּירוּץ, און עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפַאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ וֵוייס פון אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אָן קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, און פון דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר צוּגֶעטְרָאפְן צום אֱמֶת".

## סִימָן תשפז.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק גֶעוָוארְנְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן לֶערְנֶען זַיינֶע תּוֹרוֹת און זֶען צו מְחַדֵּשׁ זַיין עֶפֶּעס. און הָאט אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט צו אֵיינֶער פון זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "אוֹיב וֶועסְטוּ צוּטְרֶעפְן מַיין כַּוָונָה אִין מַיין תּוֹרָה - אִיז גָאר גוּט! און אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט צוּטְרֶעפְן מַיין כַּוָונָה - אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט וַוייל מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וַוייל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פון דִמְיוֹן, אִיז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אִין דִי תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ 'דִמְיוֹן', מֶען שְׁטֶעלְט צו אֵיין זַאךְ צום צְוֵוייטְן - דוּרְכְדֶעם פַארְרֶעכְט מֶען דִי פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן פון שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וָואס קוּמְט אוֹיךְ פון דֶער כֹּחַ פון דִמְיוֹן. און פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט דֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ אַז מֶען אִיז נָאר מְחַדֵּשׁ אֵיין זַאךְ אִיז אוֹיךְ גָאר גוּט, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמוֹת פון דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דא האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעדריידט צו א אינגערמאן וואס זיין טאטע ע"ה איז פאריאר אוועק פון די וועלט, און זיך אנגערופן: "קוק וואס דער רבי זאגט דא, חידושי תורה איז א גרויסע טובה פאר נשמות פון די עלטערן וואס זענען שוין נפטר געווארן, זע צו מחדש זיין חידושי תורה".

## דער כח פון דמיון

׳חידושי תורה׳ מיינט נישט דוקא גרויסע דרושים און פשט׳לעך, א חידוש מיינט דאס וואס דער רבי זאגט דא ׳מען שטעלט צו איין זאך צום צווייטן׳, מען טרעפט צו אז דער ענין, דער הלכה, איז אזוי ווי א אנדערע הלכה – און דאס איז שוין א חידוש און מיט דעם איז מען מתקן וואס מען האט געזינדיגט מיט שלעכטע מחשבות, ווייל די גאנצע זאך פון טראכטן שלעכטע מחשבות איז איין שטיק ׳דמיון׳, מען טראכט אין מח פון דעם און יענעם וכו׳, דערפאר אז מען נעמט דער כח פון ׳דמיון׳, דער כח פון טראכטן, און מען טראכט דערמיט פון תורה איז מען מיט דעם דאס מתקן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.